

# תורת אביגדור

## פאר קינדער

באארבעט פון די שיעורים
פון הרה"ג ר' אביגדור מיללער ז"ל

## פרשת וישב

# דאס אויסטערלישע קינד

### פרנס השבוע

לכבוד בני החשובים והיקרים
כמר **אהרן יודא** און **אלי-הו שלעזינגער** ני"ו
מיט ליבשאפט,
פון אייער טאטע

## פרשת וישב

# דאס אויסטערלישע קינד

**"קנאק, קנאק!"**

"א גוט מארגן!" האט זיך געהערט די מאמע'ס ווארימע באגריסונג ביים טיר פון קינדער צימער, "ס'איז שוין צייט אויפצושטיין."

חנה'לע און שבי האבן געעפנט זייער פארקלעפטע אויגן צו א פרישע טאג, געזאגט מודה אני און זיך אפגעגאסן מיט די נעגל וואסער, וואס זיי האבן נעכטן אנגעגרייט נעבן זייער בעט. חנה'לע האט געריבן אירע מידע אויגן, "מאמי, דו פילסט זיך גוט?" האט זי געפרעגט, באמערקנדיג די מאמע'ס פארשלאפענע אויגן.

"יישר כח חני, פארן פרעגן," האט די מאמע געענטפערט מיט א גענוץ איבערן שמייכל, "איך בין אויפגעוועזן כמעט א גאנצע נאכט מיט די בעיבי, וואס האט נישט אזוי גוט געפילט. יעצט בין איך היבש מיד."

"אוי מאמי, דו קענסט צוריקגיין שלאפן, מיר וועלן זיך שוין אליינס אן עצה געבן," האט שבי פארגעשלאגן.

"יא," האט חני צוגעשטימט, "און מיר וועלן העלפן פאר אליעזר צו ווערן גרייט פארן חדר."

"אה, דאס וועט מיר זיין א געוואלדיגע הילף," האט די מאמע אויסגערופן, "איך האב היינט אסאך ארבעט אין שטוב, איך מוז זיין אויסגערוט."

די צוויי מיידלעך האבן זיך שנעל אנגעטון און זיך געמאכט גרייט פאר סקול. שבי איז אריין אין קאך צו צוגרייטן פרישטאג פאר אלעמען און חני איז געגאנגען אויפוועקן אליעזר.

די מיידלעך האבן אפגעגעסן און נאך געהאט צייט צו צאמלייגן די וועש וואס די מאמע האט איבערגעלאזט נעכטן נאכט.

צוואנציג מינוט שפעטער האבן זיי שוין געהערט ווי אליעזר וואשט אויס זיין טעלער אין סינק און מאכט זיך גרייט ארויסצוגיין אין חדר. די מיידלעך געבן א קוק און פאלן שיעור אין חלשות.

"אליעזר! וואס גייט דא פאר? פארוואס ביסטו פארשטעלט פאר א כהן גדול?!" האבן די מיידלעך אים געפרעגט מיט שרעק.

"ווייל חנוכה איז שוין נעקסטע וואך..." האט אליעזר געענטפערט מיט א קרומע שמייכל.

"אוי וויי, ס'איז נישט פורים היינט!" האט חנה'לע אויסגערופן, באטראכנדיג זיין כהן גדול פארשטעלאכץ.




"איך ווייס," האט אליעזר קלאר באשטעטיגט, "אבער מיר לערנען אין חדר פון די נס חנוכה. און מיין רבי האט דערציילט פונעם צדיק, מתתיהו כהן גדול. איך וויל אויך זיין אזא צדיק ווי אים, דערפאר האב איך מיך פארשטעלט פאר א כהן גדול..."

"ממש א גוטע עצה..." האט שבי אים קאמפלאמענטירט, אבער דו ווייסט אז מען קען נישט גיין אין חדר אזוי!"

"אלע דיינע חברים וועלן דיר אויסלאכן," האט שבי צוגעגעבן.

אבער אליעזר האט זיך בכלל נישט געקומערט איבער דעם. "ס'גייט מיך גארנישט אן וואס יעדער וועט זאגן. איך בין א כ-הן- ג-ד-ו-ל!"

"אבער ס'גייט אונז יא אן!" האבן די מיידלעך זיך געבעטן ביי אים. "חול המועד, ווען דו האסט געברענגט אן אמפער וואסער אין שול צו שמחת בית השואבה האבן אלע דיך אנגעקוקט ווי דו וואלסט אראפגעקומען פון דער לבנה..."

"א גוט מארגן!" האט זיך געהערט א מינטערע באגריסונג פון טיר. דער טאטע, מיטן טלית אונטערן ארעם, האט זיך צוריקגעקערט פון דאווענען שחרית.

"טאטי," האבן די מיידלעך זיך געוואנדן צום טאטן נאכן אים באגריסן א גוט מארגן, "ביטע, טאטי ביטע, לאז נישט אליעזר גיין אין חדר מיט זיין כהן גדול פארשטעלאכץ. מיר שעמען זיך אזוי שטארק ווען ער טוט מאדנע זאכן."

דער טאטע האט באטראכט אליעזר פון קאפ ביז פיס, "דו ביסט א הערליכער כהן גדול, אבער דיינע גרויסע שוועסטערס זענען גערעכט, דו קענסט נישט גיין אין חדר אזוי."

אנטוישטערהייט איז אליעזר צוריק אריין אין זיין צימער זיך צו בייטן צו נארמאלע וועש.

ווילאנג אליעזר איז געווען אין זיין צימער, האט דער טאטע אויסגעניצט די געלעגנהייט צו רעדן צו די מיידלעך. "קינדער, איך וויל ענק זאגן א וויכטיגע זאך. ס'איז ריכטיג אז אליעזר

קען נישט גיין אין חדר אזוי, אבער איך וויל אז ענק זאלן זיין מער פארזיכטיג ווי אזוי ענק רעדן צו אים ווען ער טוט נארישקייטן."

"אבער ער איז נישט קיין בעיבי. ער וואלט שוין געמעגט וויסן ווי מען פירט זיך אויף נארמאל."

"טאקע אזוי," האט דער טאטע צוגעשטימט, "און מיר לערנען דאס אים מיט געדולד און ווארעמקייט, אבער ס'דא עפעס וואס איך וויל אז ענק זאלן פארשטיין. יוסף הצדיק איז געווען אנדערש ווי זיינע ברודערס. ער האט געהאט חלומות וואס זיינע ברודערס האבן אנגעקוקט מאדנע, עס האט זיי געארט אויף זיין אויפפירונג. און יעקב אבינו האט טאקע אנגעזאגט פאר יוסף אז ער זאל זיין מער פארזיכטיג מיט זאכן וואס ער טוט. אבער נאכדעם זאגט דער פסוק: 'ואביו שמר את הדבר,' יעקב אבינו האט געהאלטן אן אויג אויף אים. וואס טראכסטו איז דער פשט?

חני האט זיך פארטראכט, זי מיינט אז זי ווייסט, "יעקב אבינו האט געהאלטן א וואכזאם אויג צו מאכן זיכער אז ער טוט נאר וואס איז ריכטיג."

"ניין, נישט אזוי איז געווען די מעשה," האט דער טאטע קלאר געשטעלט, "ענק דארפן פארשטיין, ווען א מענטש איז אביסל אנדערש ווי אלעמען איז עס צוליב דעם וואס דער אויבערשטער האט אים אזוי באשאפן פאר א סיבה. יוסף הצדיק איז געווען אנדערש, ווייל דאס האט זיך אויסגעפעלט פאר זיין תפקיד, צו זיין דער פירער פון כלל ישראל. ער איז דאך געווען דער מלך פון אידישע קינדער פאר אכציג יאר, לענגער ווי סיי וועלכע קעניג וואס כלל ישראל האט געהאט אין דער געשיכטע! א דורכשניטליכע מענטש קען נישט זיין קיין מלך. מען דארף האבן ספעציעלע כשרונות און נאטורליך וועט אזא איינער זיין אנדערש פון יעדן."

"טאטי, דו מיינסט צו זאגן אז אליעזר וועט זיין א קעניג???" האט שבי חושד געווען.

"ניין שבי, נישט דאס האב איך געמיינט צו זאגן. איך האב נישט קיין אנונג וואס דער אויבערשטער האט אנגעגרייט פאר אליעזר. אבער אויב ער פירט זיך צומאל אויף אביסל אנדערש ווי נארמאל, זאלן מיר דאס נישט אנקוקן ווי ער טוט א געפערליכע זאך. מיר זאלן וויסן אז השי"ת האט אים געגעבן ספעציעלע כלים - און ווער קען וויסן וואס ער קען דערגרייכן דורכדעם? אין דעם זעלבן צייט וואס מיר דארפן אים דערמאנען וואס איז ריכטיג און וואס איז נישט, דארפן מיר אים אויך העלפן און מחזק זיין צו דינען דעם באשעפער מיט די כוחות און כשרונות וואס דער אויבערשטער האט אים געשאנקן.

הערט די מעשה פארציילט דורך דער בארימטער מחנך
הרה"ג ר' משה בערגמאן שליט"א
קול אביגדור 718-289-0899, דרוקט 2 און דערנאך #3



כל הזכיות שמורות